**געל I** — דאָס, בא. 1. איינער פֿון די גרונטקאָלירן
פֿון זון=ספּעקטער, צווישן גרין און רויט (למשל,
פֿון אַן אייגעלכל, פֿון אַ ציטיקער ציטרין).

1946 "אַ קאַזע=בערדל פֿון אַ רויטלעכן שרײַענדיקן געל".
י.י. טרונק, 5, 149. 287

2. פֿאַרב פֿון געלן קאָליר צו מאָלן, מאַליעווען.
% דער מאָליער האָט געקויפֿט עטלעכע פּושקעס געל.

פֿאַרשידענע פֿאַרבוואַרג |סטוטש 301|:
סיליקאַ - געל, בלײַגעל, קאַדמיומגעל, פֿראַמגעל,
אינדישגעל, קיניגסגעל.

## געל II

1. וואָס האָט דעם קאָליר געל.

1862 " מיכל מצבֿה |...| איך לייוונטענע פּלודערן מיט

161 געלע בענדלעך, איך אַ בלויִ קיטײַ אָווענעם ארבע כּנפֿות|...|".

אקסענפֿעלד, 1, 7.

... " איך דער טונקעלער בויד האָט אויפגעטויכט מײַן

226 שכנס געל, לאַנג און דאַר פּנים". פּרץ, 6, 73.

... " אויף אײַניקע ביימער זײַנען די בלעטער שוין

174 געווען איך גאַנצן געל און באַשפּרענקלט מיט בראַנזע".

נ. לוריע, 5, 282.

2. (וועגן האָר) פֿון קאָליר געל – רויט.

... "אַרום הײַזל שטייען שוין רעדלעך געלע ווייַבער |...|".

פּרץ, 6, 174. 170

1935 " דאָס דאַרע לייַב איז געדיכט באַוואַקסן מיט געלע

האָר". באַשעוויס, 1, 71. 163

1968 " זיי האָבן אַליין אַרויסגעשלעפּט פֿון פּאַטערס

בעקערייַ |...| דעם געלן מרדכי און בעריש קנעטער". 153

יזב אַטוואַצק, ז' 728.

3. ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון געוויסע באָטאַנישע,

זאָאָלאָגישע, מעדיצינישע טערמינען. % געלער

שוועבל, געלבע אַקאַציע, געלע ליליע |סטוטש 247| 50

געלער ראַמאַי |סטוטש 173|. געל אַרדנבאַנד=פּלאַטערל,

געלער פּרייַס |סטוטש 247|.

4. (שגל/סוב) געסטאַפּאַ. %"מיטאַרבעטער פֿון די געלע"
בלומענטאַל, פּער 90, XIV - 1.

5. (סוב) עמעצער מיט געל־רויטע האָר.

0 ניואַנסן פֿון געל: סטוטש 301 בלאַס געל,
גרוי געל, גרין געל, רויט געל, טונקל געל,
קוואַרץ געל, קרעם געל, גאָלד געל, בורשטין געל,
זאַפֿרען געל, זאַפּלאַר געל, ציטרין געל, לימאָן געל,
שליסלבלום געל, שטרוי געל, פֿלאַקס געל, כראָם געל,
לעדער געל, שוועבל געל, זאַמד געל.

1929 " פון די הוילע צווייגן העגגען זיי אראָפּ, ווי
202 לאַנגע געל גרויע קוטעסלעך". י. בורטיאַנסקי, 1, 170.

1961 " אַן אַלט געוועבט סערוועט מיט אַ טיפּן אימבער=געלן
286 אוזאָר". בערגעלסאָן, 17, 688.

די געלע זאַכ(ט), די געלע זעכט - געלזוכט.

1967 " דער סולטאַן האָט געליטן פון דער געלער זאַכט".
2787 ברוסילאָוו, פּער 38, נ' 59, ז' 30.

ווערן געל און גרין - ווענן אויסזען ביי אַ שטאַרקער
איבערלעבונג (כעס, פאַרדראָס אע).

בגעלע בגרינע - |סטוטש 511| איר ווענן אַ גרויסע
שימחה (פאַראַפראַזירט פון 'בגילה ורינה').

<u>געלע פּרעסע</u> - סענסאַציאָנעלע, ביליקע פּרעסע.

<u>געלע לאַטע</u> - שאַנדצייכן וועלכן די שונאי=ישראל אין מיטלאַלטער און די נאַציס אין די יאָרן פֿון דער 2טער וועלט=מלחמה האָבן געצוווּנגען די ייִדן צו טראָגן אויף זייער בגד כדי זיי אויסצוטיילן פֿון די אַנדערע איינוווינער.

1951 " די טייִוול=מאַשין איז אַוועקגעלאָזט געוואָרן אין גאַנג: די "געלע לאַטע" אויפֿן רוקן און ברוסט |...|". 2950

<u>פֿער 106, ז' 1650.</u>

1956 " |אסתר המלפה| - אַזוי האָט מען גערופֿן אַ ייִדיש מיידל אין ווילנער געטאָ, וואָס האָט געהאַט ביי די 2957

דייטשן ספּעציעלע פּריווילעגיעס: געגאַנגען אָן דער "<u>געלער לאַטע</u>". <u>בלומענטאַל, פֿער 90, XVI - 3.</u>

פּפּ: |סטוטש 301| געל ווי די זון, ווי פּוטער,

ווי געגנדזענע שמאַלץ, ווי בוימל, ווי א גריבענע,

ווי האָניק, ווי אַן איי, ווי אַ געלכל,

ווי (יאַרעווע) וואַקס, ווי אַ חלבן ליכטל, ווי אַ מער,

ווי מערן, ווי אַ ציטרין, ווי אַ לימענע, ווי אַן אתרוג,

ווי מעש, ווי גאָלד, ווי זאַפּרען, ווי זאַמד,

ווי אַ קאַנאַריק, ווי אין דער געלזוכט, ווי אַ מת,

ווי אַ בלעטל פֿון אַ סליחה, ווי אַ בלאַט נאָך סופֿות,

ווי די געלע טויזן, ווי דרעק.

פוול: אלע גאליציאנער זאגן, אז זיי זיינען געבארן אין

ווין; אלע געלע זאגן אז זיי זיינען בלאנד.

א געלער איז א גנב (א רמאי).

ם

.1 ←----

1728 " וועץ איין שתן גאנץ געל ווי וואקס זיכט און'

|...| וועץ מן בוים דרינן איין טונקט און' זיכט געל: 187

זוא איז עז איין געל זוכט". סגולות ורפואות, יח-ב-!!.

□ ג ע ל !!! - ←---- געלכל.

1728 "מושקט נוס |...| ווייצין מעל, קנעט דש מיט

געל פון אייא אונ׳ מאך איין קוכין דא פון |...|,

גיב אים אפט דא פון צו עשין". סגולות ורפואות, כד - !!. 236

געלאָבט זיין - פֿאַר פֿון לאָבן זיך.

געלאָבט זיך - פֿאַרפֿון לאָבן זיך.

??נ ג ע ל א ג ל ט - אדי/אדוו. (שנש) מיט לאגלען.

1940 " געוואגלט און געלאגלט דריי מעת-לעת,//

296 געלויערט און געהויערט שטראז און שטעגל |...|".

א. אויערבאך, 2, 38.

ג ע ל אַ ג ע ר ט – פֿאַר פֿון לאַגערן.

ג ע ל אָ ד - דער,באַ(שנש) אַנלאָדונג, לאַסט.

1965 " עס טראָגט אַוועק דער טאָג // זײַן שטוביקן

297 געלאָד". מאַלאַדאָווסקי, 3, 7.

ג ע ל א ד ן - פֿאר פֿון לאדן.

ג ע ל אַ ד ן I - דער? במ? . (עלט? דטממש?) געווער,
בלי=זין.

1863 " זיי |די יִדן| האָבן די שונאים גובֿר געווען ניט
מיט געלאַדן, נאָר מיט זייערע צונגען און מיט זייערע 315
פֿעדערן". פער 177, נ' 41, 642.

ג ע ל אָ ד ן ה - <u>פאר פון</u> <u>לאדן !, !!.</u>

ג ע ל אָ ד ע נ י ש - דאס, בא. (סטוטש 206), לאסט, משא, פּראכט.

ג ע ל אָ ז ט – פאַר פון לאָזן.

ג ע ל אָ ז ן - פֿאַר פֿון לאָזן.

ג ע ל א ט כ נ ט - <u>פאר פון</u> <u>לאטכענ(ע)ן.</u>

ג ע ל אַ ט ע - די, =ס. (שנש) אַ צונויפֿשטעל פֿון אַ סך לאַטעס.

1963 " די זעגלען - אַ געלאַטע פֿון קאַלירן".

סוצקעווער, 4, 420. 333

ג ע ל א ט ע ט – פאר פון לאטען.

ג ע ל אַ ט ע כ ץ

דאָס

=ער

איר

דאָס לאַטען אָדער אַ סך לאַטעס.

געלאך - דאס, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע לאַכן אָדער דאָס לאַכן פֿון אַ סך מענטשן.

1953 " קינדער לויפן אין טשאַטעס אים נאָך מיט געלאך: דער קאַרלינער למד-וואָוניק מיט די ציגן". 348

פרידמאן, 1, 142.

1967 " מעג לאַכן דער גוי זײַן געלאך".

אהרן צייטלין, 6, 414. 345

ג ע ל א כ ט – פאר פון לאכן.

ג ע ל א מ ט - פאר פון לאמען.

21

געלאַמטקייט - די, באַ. אייגנשאַפט אָדער מצב פֿון זײַן געלאַמט.

1953 " יענער אין געלאַמטקייט ווערט געשלעפט, ביז

351 ער פֿאַלט אום מיט אַ ווײַטיק=געשריי". ליוויק,152,10.

ג ע ל א מ פ א ס ט - אדי. (שנש) מיט לאמפאסן.

1929 " אין גרויען שינעל מיט א רויטן אונטערשלאק

אונ רויט געלאמפאסטע הויזן האט ער זיך געשפאנט רויק, 352

געלאסן". האראנטשיק, 2, 67.

ג ע ל א מ ר ט |געלוימערט| - <u>פאר פון</u> <u>לאמרן</u> .

ג ע ל א נ ג וו יי ל ט - אדי. געלאנגווייליקט.

1935 " איך בין א געלאנגוויילטער מענטש".

נאדיר, 8, 139. 353

ג ע ל אַ נ ג ו ו ײַ ל י ק ט ( ז י ך ) - פֿאַר פֿון לאַנגווײַליקן (זיך).

3

ג ע ל אַ נ ג ע ן - <u>אוטוו.</u> <u>(רעג. זאַמעט, קורלאַנד)</u>

דערגרייכן, דערגיין צו.

1364 " <u>געלאַנגען</u> - ׳באַלאַנגען, דערלאַנגען׳ ווייַזן

אונדז אַז מיר פֿאַרמאָגן אַ שטאַם ׳לאַנג׳. <u>געלאַנגען</u>

מיטן באַטייַט ׳דערגרייכן׳ איז געווען אין די ריידענישן

פֿון זאַמעט און קורלאַנד (למשל: געלאַנגען צו עשירות,

צו כּבֿוד). גראָד איז זי קלמנאָוויטש אַרויסגעטראָטן קעגן

ניצן דאָס וואָרט. מע קען אַרייַנברענגען דאָס וואָרט

אויך אין דער כּלל־שפּראַך". <u>י. מאַרק, פּער 20,XXIV- 13,1.</u>

ם

<u>גילנגן.</u>

... "וועך (=נאר) דש אין (עמלקן) משה מיט גיבעט ביצוונג

356 דש אים אם זעלבן מול אוביל <u>גילנג</u>". <u>מגילה ליד ש׳</u>

<u>759 - 760.</u>

1669 " דא וואלט דער מינך מיט זיינע קונשטן דיא

שטאנג גלנגגן אבער ער קונט ניט". היסטארישע אלעגאריע 357

פון ר' מאיר שייץ, ציט ריוועקינד, ז' 26.

ג ע ל א נ ד (ע) ט - <u>פאר פון</u> <u>לאנדן</u>.

ג ע ל א נ ד ע ר - דער. בנב. % "דעם שיינעם

העגגליישטער מיט דעם הערלעכן געלאנדער" |קטוו|. 359

ג ע ל א ס י ק - אדי/אדוו. (רעג?) געלאסן,

רויק, שטיל.

1931 " די הנאים זיינען אריבער גאנץ געלאסיק".

שניאור, 1, 129. 363

ג ע ל אָ ס ן - אדי/אדוו. געלאָסענע, געלאָסענער.

1. פֿאַמעלעך, פּאַוואָליע.

1926 " גנבֿעט זיך אונטער דאָס וואַסער,// |...| גנבֿעט זיך

אונטער געלאָסן". סעגאַלאָוויטש, 8, 124. 384

1947 " דער וואַכמײַסטער מאַכט נאָך אַ שפּאַן געלאָסן

און באַרוטלעך איבערן צימער". דאַבין, 1, 105. 367

1958 " ס'נעמט זיך פֿון דעם, וואָס זײַן באַדאַכטער,

געלאָסענער ריטם האָט נאָך ניט אָנגעיאָגט דעם רוישיקן 402

ריטם פֿון דער שטורמישער לויפֿט". ניגער, 8, 53.

2. רויִק, מנוחהדיק, ~~באַזאַכט, געזעצט~~, סטאַטעטשנע, גלײַכגילטיק.

1858 " איין איינזידלער האט זיך איין יונגן בער
אויפגעצויגן, ער האט אים דורך פיל מי און שלעק זוי
גע<u>לאסן</u> געמאכט ווי איין הונט". <u>אנ. מסדר אגרת..., ז' 106.</u> 369

1889 " ער וועט מיט זיין זון מאכן איינע גוטע פּאַרטיע,
ער וועט <u>געלאסענער</u> ווערן, ער וועט ווערן אַ מענטש". 417
<u>עליכם שלום, 1, 34.</u>

1928 " ענדלעך איז זי ארויס פון איר פארשטיינערטקייט
|...| רויִק, שטיל, <u>געלאסן</u> און אָן שום אויפֿרעגונג". 392
<u>ספּעקטאר, 4, 20.</u>

1973 „אַ דאָרף מיט אַ זיסן שמייכל, אַ געלאַסענער, אַ גוטער". <u>גראַדע, פֿאָר 155, 20/ט.</u>

|| <u>געלאַסנהייט</u> - <u>די, בא.</u> (<u>דטשמ</u>) <u>דזוו</u> <u>געלאסנקייט</u>.

1882 " ווען אין דעם דריטן פֿינגער |...| געפֿינט זיך
איין גראַבער שטריק און דערצו נאָך שוואַרץ|...| צייגט 408
עס אויף <u>געלאסנהייט</u>". <u>גאלינו, 1, 15</u>

<u>געלאַסנקייט</u> - <u>די, בא.</u> די איינגנשאַפט אָדער מצב פון זײַן געלאַסן.

1951 " ס'האָט זיך אַנטוויקלט בײַם ליטווישן ייִדן אַ [illegible] קענטיקע <u>געלאַסנקייט</u>, אַן עפּישע, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, רויִקייט". <u>מ. ווישניצער, פּער 106, ז' 47.</u> 409

<u>געלאַסענערהייט</u> - <u>ערהוו</u>. אין מצב פון זײַן געלאַסן.

1918 „מ'טאָר ניט עסן אין דער גיך מיט אילוזיעס [...] נאָר <u>געלאַסענערהייט</u> און שטיקלערווייז". <u>צאַלעו, 1, 45.</u>

ג ע ל אָ ף - דאָס/דער, באַ. דזוו געלויף.

1932 " זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ גיכן געלאָף פֿון אָפּגעריסענע,

צעפּלאָנטערטע געדאַנקען". פֿער 61, ז' 75. 429

1951 " לעגענדעס ווערן וועגן פֿאַרשיידענע אוצרות

דערציילט, ווי אַז נאַפּאָלעאָן זאָל האָבן באַהאַלטן אוצרות, 427

וואָס ער האָט אין זײַן געלאָף פֿון רוסלאַנד ניט

באַוויזן מיטצונעמען". פֿער 106, 36.

1974 " דאָס קלאַפּן פֿון האַרץ און באַוועג פֿון פֿיס,

אַלץ אין איין שאַרפֿן, קורצן, משוגענעם ריטעם, ביז 441

מען האָט זיך אַ וויג געטאָן אײַנצוהאַלטן דעם געלאָף ".

עלבערג, 2, 156.

געלאָף – דאס/דער, בא. דזוו געלויף.

1947 " זיך יאָגנדיק נאָך אַלץ מיט אַ משוגענעם געלאָף, //

איז ער פֿלידצעם אומגעפֿאַלן". דאָבין, 1, 179. 424

1945 " דער ווילדער, דער גיכער, דער שווערער געלאָף, //

ער האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף". 434

האַלקין, 3, 160.

?נ?     געלאפּונג - <u>די, בא.</u> (<u>שנש</u>) געלויף.

443     1963 " ווּהין אָבער איז דײַן <u>געלאַפּונג</u> // איבער באַרג,
איבער טאָל און פֿלויך?". <u>סוצקעווער, 4, 214</u>.

ג ע ל אָ פּ ט ש ע ט – <u>פּאַר פֿון</u> <u>לאָפּטשען</u>.

ג ע ל אָ פּ ן - <u>פֿאָר פּון</u> <u>לויפֿן</u>.

געלאָפֿניעט - <u>פֿאר פֿון</u> <u>לאָפֿניען.</u>



?נ? ג ע ל אָ פּ ע ט — <u>אדי.</u> (באָטאַניק) וועגן פֿאַרעם פֿון בלאַט (<u>בנב</u>).

1922 "די פֿאָרעם פֿון די בלעטער איז זייער פֿאַרשיידן. מען אונטערשיידט |...| לויט דער אויסגעשניטנקייט פֿון בלאַטפֿלאַך: גאַנצע, <u>געלאָפּעטע</u>, געטיילטע". 455
<u>איבן א. גאָלאָמב, 2, 106</u>.

1926 "פֿאַרטריקנט און שטעלט צונויף אַ קאָלעקציע פֿון <u>געלאָפּעטע</u>, געשפּאָלטענע און געטיילטע בלעטער". 453
<u>יאָכינסאָן, 1, 60</u>.

ג ע ל אָ ק ט ״ - פאר פון לאקן.

ג ע ל אַ ק ט I - אַדי/אַדוו. מיט לאַק, גרייַזלעך.

% געלאַקטע האָר.

1920 " רויִק, רויִק שאָקלט איר געלאַקטעס גרינעס קעפּל//

מייַן ווייַסינקע בעריאַזקעלע און דאַוונט אָן אַ שיעור". 460

איינהארן, 5, 13.

1947 " בייַ די זייַטן געלאַקט ווי שטילע, פֿלאַכע כוואַליעס

איך אַ רויִקן טייַך". יזב 8, 368. 458

1968 " וואָס זשע האַלטסטו איך אייך באַוואונדערן מנחמס

שאַרפֿע , קלוגע אויגן, זייַן שוואַרצע געלאַקטע 459

טשופּרינע?". יזב 2, 661.

ג ע ל אַ ק י ר ט - אַדי/אדוו. 1. באַדעקט מיט לאַק; לאַקירט. % געלאַקירטע שטיוול.

2. (פיג) וואָס טראָגן לאַקירטע שיך, שטיוול.

1932 " אָט אָ די געלאַקירטע, שיקערע כליסטן וועלן אונדזערע ניט אָפּהאַלטן - זאָגט זי מיר שטיל, וויִיזנדיק מיט די אויגן אויף דער אָנגעטרונקענער גרופּע אָפּיצערן". אלעק. 1, 40.

463

ג ע ל אָ ק ע ר – דאָס. (שנש). 1. דאָס דויערנדיקע לאָקערן..

1954 " ס'איז נאַכט – און אין ווילדן געלאָקער // יאָגן וואָלקנס, ווי סטעפּישע פֿערד". ל. פֿיינבערג, 208,5.

1971 " עס זאָל זײַן אַ פּלאָנטער=געקנויל און אַ שאָסן=

געקנאַל. אַ שטענדיק געלאָקער. מען זאָל זיך מאָרדן אָדער 464

יענעם מאָרדן". שטיינמאַן, 1, 13.

2. דאָס אָרט וווּ מען לאָקערט, טשאַטעוועט.

1956 " און פֿאַר אַ נײַעם גאַנג צעהעלט האָט זיך זײַן

בליק איבער דעם שלאַכטפֿעלד אין האַלב רונדיקן געלאָקער". 466

מאַרקיש, 10, 175.

ג ע ל א ק ע ר ט - פאר פון לאקערן.



ג ע ל א ש ט ש ע ט – פאר פון לאשטשען.

ג

ג ע ל אָ ש ן – 1. פֿאַר פֿון לעשן.

2. (טעכט) אין באַהעפֿט געלאָשענער קאַלך |טערמינעס אין בעמיע, ווילקאָמירער ייִד׳ רעאַל=גימנאַזיע, 1926|.

– אַ בויקאַלך וואָס באַקומט זיך בײַם צעמישן עסיקע (ניט-געלאָשענע) קאַלך מיט וואַסער. 472

ג ע ל ב – אדי/אדוו. (דיאל? ווג?) דזוו געל !!, ב׳1.

1861 " אויב די בלעטער זיינען געווארין שווארץ

טאר מען זיי ניט עסין, זיינען זיי אבער געלב 479

מעג מען זיי עסין". איבז אנ, משניות, זרעים,ו/ נט.

1920 " אַ ווילדער, געלבער שײַן צעגיסט זיך פֿון די

פֿענסטער". איינהארן, 5, 47. 477

1951 " אין דער פֿרי האָט מיר די ייִדענע געגעבן

אַ פֿרישטיק, וואס איז באַשטאַנען פֿון צוויי בייגל 473

מיט שטאַרק געלבן פּוטער, ווי געלכל". פער 106, 1282.

געל (ב) האלץ - דאס, מין האלץ, סטאליערײַ = מאטעריאל.
|סטוטש 115|.

1900 " צו די נאטירלעכע |פֿארבשטאָפֿן| געהערן אלע 487
פֿארבן, וואָס וואקסן, וואס געפֿינען זיך פֿארטיק אין
דער נאטור |...|, דאָס זײַנען אינדיגאָ |...|,
בלויהאלץ, געלבהאלץ, רויטהאָלץ |...|".
ש. שפּירא, 1, 43.

ג ע ל ב ז ו כ ט - די, בא. דזוו געלזוכט.

1923 " אין אפריקע ווערן די שווארצע נעגרען ניט קראנק

אויף מאלאריע=פיבער און שטארבן זעלטן אויף געלבזוכט- 494

פיבער". צ. שאבאד, פער 151, נ' 5 - 6.

ג ע ל ב ייִ כ ל - <u>דאס, =ער.</u> (<u>זאאל</u>) מין שרץ|<u>סטוטש 247</u>|.

(?ב?) ם געלביכט - א געוויקסן=קראַנקייט, וואָס

באַשטייט אין פאַרגעלונג פֿון די בלעטער א"א גרינע

חלקים פֿון געוויקס (ווסב *Chlorosis*).

|?|1679 " איך האב אייך טאן שלאגין מיט האגיל=שלאכט

אונ׳ מיט געלביכט אונ׳ האגיל". חגי ב, 17, 497

(ציט פֿער 92, מאי 1938, ז׳ 79 - 80).

(?נ?) ם ג ע ל ב י כ ט י ג - דזוו געלביכט.

1737 " הבירקון - אונ' מיט געלביכטיג".

מלמד שיח, דברים כה, 22 |תי: מיט ורעלקעניש|. 496

געל -

ג ע ל ב ל - דאס, =ער. |הווב|. <--- געלכל.

ג ע ל ב ל ע ך - אַפּשוואַך = פּאַרמע פון אַדי/אַדוו

געל; אַ ביסל געל, שוואַך געל. % געלבלעכע האָר.

אַ געלבלעכער קאַליר.

1864 " |...| עטלעכע אַלטע ביינקלעך מיט אַ קאַנאַפּקעלע,

קאַנק איבערגעצויגן מיט אַ געלבלעכן,אָפּגעבליאַקעוועטן סיץ".

מענדעלע, 12, 103.

1907 " ביי טאָג איז דאָס |די פּאַטשיילע| העל רויז,

קאַנק פֿאַר נאַכט קוקט דאָס אויס געלבלעך און ביי נאַכט -

ווייס". שלום=עליכם, 8א, 68.

1939 " דאָס העלטסטע פֿון די קינדער, אַ מיידל,

קאַנק אַ געלבלעכע און מיט קלייעך". נסתר, 4, 111.

|| גע<u>לבלעכקייט</u> - <u>די, בא.</u> אייגענשאפט פון זיין
געלבלעך.

1973 " א געלבלעכקייט א בראַנדזענע לייגט אויס זיך
524 אויף די גראָזן". <u>י. רובינשטיין, פער 155, I /21</u>.

ם <u>געלבליך</u>.

1743 " אונ׳ דיא מאנן זיינן איין ווינג <u>געלבליך</u>
515 דש זיא פר ברנט זייך פון דיא היץ".
<u>שארית ישראל, קמג - 2</u>.

ג ע ל ב ן  ז י ך – <u>אָטוו</u>. אויסטיילן זיך מיטן

געלן קאָליר.

1926 – 1930 "|זי האָט| געקוקט אויף די פֿעלדער מיט גראָז,

וואָס האָבן <u>זיך געגעלבט</u> פֿון צו פֿיל היץ". 526

<u>אָפּאַטאָשו, 12, 61</u>.

1953 "ס'קעלבעלע אַ ציטערס, מיט גאָלדענעם גלאַנץ//

ווי מאָדנע ס'גאַפֿט און עס <u>געלבט זיך</u>". 527

<u>י. פֿרידמאַן, 1, 142</u>.

געלבס - דאס, בא. די געלקייט.

1966 " איך זוך אַלץ יוגנטגרינס אין עלטערגעלבס

און איבער זיי זיך שפּרייט אין בלויער הימל". 528

האַלקין, 4, 136.

ג ע ל ג אַ ל ד י ק ן - אוטוו. (שנש) אויסטיילן זיך מיט אַ געל גאָלדענעם קאָליר.

" רײַפע באַנאַנעס געלגאַלדיקן מיט זיסקייט". 1956|?|

קליגער, 1, 28. 536

געלגיסער - דער, =ס. (לאקל: יאנעווע, שאקי, פילווישעק - ליטע).

"א גיסער פון מעש (צו מאכן מנורות, לייכטערס, שטויסלען)". |ד. טאמבאק, פער 90, XII - 2|. 540

ג ע ל ה אָ ל ץ - דאָס, באַ. (סטאָלערײַ) מין בוי=מאַטעריאַל פֿאַר מעבל |סטוטש 115|.

ג ע ל ה ו י ט י ק - 1. אדי. מיט א געלער הויט.

2. סוב. פארשטייער פון דער געלער ראסע.

ג ע ל וו אַ ק ס – דער, באַ. (שוסטעריי) געלער וואַקס צו שמירן די דראַטוועס |ש.ווינטער, צו דער 565
טערמינ' פֿון מלאכות (וולאצל') פער 162, 418|.

ג ע ל ו י ב - דאָס. (שנש-) דאָס דויערנדיקע לויבן
פֿון אַ סך מענטשן.

568 ... " אַ געזאַנג, אַ געלויב, מיט אַ דאַנקשאַפֿט אַ הודו
|...|". א. אויערבאַך, אַ לעבן צווישן טאַוולען
לידר?|, ז' 417.

569 1956 " זיי שיקן צו גאָט אַ געלויב". שומיאַטשער, 3, 95.

ג ע ל ו י ב ט – פֿאר פון לויבן.

(?נ?) ם |געלויבעניש| ג י ל ו ב נ י ש – לויב, רימונג,
גלאריפיצירונג.

|16טער י"ה| "מיין גילויבניש וויל איך האלטן צו חברון
600 גאר.// דא שפראך דער קוניג דוד ליבר זוא גע דאר".
שמואל בוך, סטראפע 1931.

1610 " און רואונג גוט אונ' אייער גאב אונ' און אף
599 אייער גילובניש אונ' אך אף אייער וויליגונג דש איר
געבט צו גאט". טייטש=חומש, ויקרא כג – לח.

ג ע ל ו י ז ט – פאר פון לויזן.

ג ע ל ו י ט - גערויש.

1758 " בשפל קול הטחנה - ווען עס וועט נידריק זיין

דאס געלויט פון דעם גימאהל". באר תורה, קהלת יב - 4. 601

רעד: אפשר איז דאס פון א שפעטערע אויפלאגע?

ג ע ל ו י כ ט ן – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>לויכטן/לײַכטן</u>.

ג ע ל ו י נ ט - <u>פאר פון לוינען (זיך)</u>.

77/1

געל -

ג ע ל ו י נ ט  ז י י ן  -  אוטור. זייַן אין אַ געוויסער

שטימונג, געמיט. % זייַן גוט געטלוינט. זייַן

שלעכט געלוינט.

... " דער גראַף איז הייַנט שלעכט געלוינט". 609

לאטיינער, 2, 12.

1916 " גערגעלע איז נישט אויפגעלייגט, נישט גוט

געלוינט". שלום=עליכם, 3ג' 152. 606

ג ע ל ו י ע ר – דאס, בא. דאס דויערנדיקע לויערן.

1922 " און מיך אין דיין געלויער פאר א ליבלינג אויסגעקליבן". בראדערזאן, 7, 4. 614

1948 " דער אומגליק זעטיקט זיך אין ערגעץ דא ניט אן,// ס'קומט צו דער אימה און געלויער ניט קיין זעט אן". 611

מארקיש, 9, 85.

ג ע ל ו י ע ר ט - <u>פֿאר פֿון</u> <u>לויערן</u>.

געלויף – דאָס/דער, באַ. 1. דאָס דויערנדיקע לויפֿן אָדער דאָס לויפֿן פֿון אַ סך.

1883 " ווי עס איז געקומען זונטאָג נאָך מיטאָג, איז געוואָרן אַ געלויף אין רעטשקאָוו, אַז מען האָט געקאָנט מיינען עס ברענט אין שטאָט". אנ, די קליין שטעטיל אסיפה, ז' 4. 3682

1935 " אַ סך האָבן זיך געשראָקן, ~~דאָס רויכער האָבן~~ [...] געמאַכט אַ געלויף איבערן שטעטל". באשעוויס, 1, 91.

1940 " די קאַפּעלע צעלאָזט זיך אין שווינדיקן געלויף, |אַרעלע| צעטראָגט זיך ווי אַ ווייכער איבער דער שטוב". דרוקער, 38. (1, 633

2. אייִלעניש, לויפעניש.

1926 " גייען אַראָפּ פון דער קאַלייקע שטיל, נישט ווי
אַלע טאָג מיט אַ געפּילדער, אַ געלויף נאָך ברויט". 639
א. בערגמאַן, 1, 72.

1955 " אַ גאַנצן טאָג געיאָגט און וואָס האָסטו פאַרשפּעטיקט?
אַ שטערן ווינקט אַראָפּ: צו וואָס איז דאָס געלויף?". 617
מ. קויפמאַן, פער 44, נ' 8, ז' 21.

3. מצ געלויפן. ספּאָרט=פאַרמעסטונג אין לויפן; וועטלויף.
% אויטאָ=געלויף |סטוטש 514|.

0 **שילער=געליפן** – (עלט), די אַנפּאַלן פון שילער, סטודענטן. אויף יידן אין מיטל=אַלטער.

1951 " פון דעם פּראָטאָקאָל פון וועד אין 1639 דערוויסן
מיר זיך, אַז ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוגעבן 638
ביז 5000 גילדן, פּדי פּטור צו ווערן פון די שילער=געליפן".
פּער 106, ז' 179.

ם **גלוף**.

1. ←---

1743 " אך זיינן זיא בייא אים גזעצן, אום צו זעהן
דש גלוף פון דיא פערד אך דיא וועגן". יוסיפון, 3ז. 631

ג ע ל ו י פ י ק - אדי/אדוו. 1. פליסיק, פלינק,
גענ‏יט, פריי, אָן שוועריקייט. % דעדן געלויפיק
א שפראך.

1866 "...| אין פאַרבערייטונגס=קלאַס, ווו מען לערנט
די קינדער נאָר א"ב און געלייפיק לייענען לשון=קודש". 2318
פער 177, נ' 39.

1922 " דאָס געלויפיקע פרימיטיווע ריידן ווערט
בּיסלעכווייז אזוי ווי צערונען נאָכן ארויסטרעטן פון 643
דער שול". י. מארק, 2.

1964 " זיי פליקן דאָס גראָז אין די פאַלעס אריין, מיט
געלויפיקע הענט". מאניק, 2, 43. 640

2. אָפּט געניצט, פֿאַרשפּרייט.

1963 " אויף ז' 9, צווישן דער רשימה ווערטער וואָס
ענדיקן זיך אויף =ווייז, פֿעלט איינס פֿון די 642
געלויפֿיקסטע: בחורווייז". ראַבאַק, פֿער 90, XXII - 3.

|| געלויפֿיקייט - די, באַ. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן
געלויפֿיק.

1866 " עס מוז געוויס זייער שווער זײַן די ריינקייט
פֿון טאָן און די מערקווירדיקע געלויפֿיקייט |...| 647
וועלכע איר באַזיצט". פֿער 177, נ' 21, 326.

// געלויפֿיקער חשבון -1. |סטוטש 488| קאָנטע אין באַנק פֿון
הכנסות און הוצאות (ניט קיין שפּאַרקאָנטע).
2. (מאַט, די נייע שול, ווילנע 1920, 7 - 8) בנב.

ג ע ל ו י פ ע ר יי - דאס, בא. דזוו געלויף.

... " דאס געלויפעריי און געבילעריי קומט אלע מאל

קאנק נעענטער". פרץ, 9, 60.

געלוישטן - פֿאַר פֿון לוישן.

ג ע ל ו י ש ט - ←--- געליישט.

ג ע ל ו י ש פֿ ע ר - דאָס, באַ. |סטוטש 278|. דאָס

דויערנדיקע לוישפֿערן.

געלונגען - 1. פאר פון געלינגען.

2. אדי/אדוו. געראטן, איינגעגעבן, הצלחהדיק.

% א געלונגענער קאנצערט.

1918 " דאך זאגט דאס פאלק זייער קלוג און געלונגען:
בעסער אנצוקומען צו 'עלינו' איידער צום בעסטן מענטשן". 668
עלזעט, 2א, 27.

1929 " דער שטריך, וואס מע האט אזוי אויסגעקוקט |...|
האט סטיכיש אויסגעפלאצט אין א זייער געלונגענעם 675
מאמענט". י. יאפע, 1, 88.

1959 " א געלונגענער זאץ, א שארפע כאראקטעריסטיק
|...| האט אים פארשאפט פרייד". ניגער, 9, 217. 674

~~3. אדי/אדוו. דערפאלגיק, מזלדיק, הצלחהדיק.~~

~~א גלונגענע פארשטעלונג.~~

|| גלונגענקייט – די, בא. די אייגנשאפט פון זיין געלונגען, ב״2.

1960 " איך זאל האט געהויערט א שטילקייט, אזא שטילקייט ווי צווישן קרובים איך א שפיטאל, וואס ווארטן צו הערן וועגן דער געלונגענקייט פון אן אפעראציע אויף זייערס א געליבטן". ל. טרייסטער, פער 169, מערץ. 676

געלונג(ענ)שאפט – די, בא. (שנש) דזוו געלונגענקייט.

1968 " א געלונגשאפט איך וואס // דו זאלסט ניט טאן".
לעיעלעס, 6, 72.

ג ע ל ו פ ט ע ר ט – פאר פון לופטערן.

ג ע ל ו ס ט - דזוו גלוסט.

1955 " נישט איין מאל שוין ווי ס'האט דער ים מיט

684 מיר א שפאס געטאן, געוואלט פארנארן אין זיין טיף,

דאך אומגעשטילט איז מיין געלוסט". מאניק, 1, 121.

ג ע ל ו ס ט י ק – דזוו גלוסטיק.

1971 " ער, דער געליבטער, דער געלוסטיקטער פון צען טויזנט, ווי איבל זי ווערט אים, ווען ער האט זי צו גאָט". א. שטיינמאן, 1, 72. 687

|| געלוסטיקייט – דזוו גלוסטיקייט.

ג ע ל ו ס ט ן - דזוו גלוסטן.

1910 " עס מוז זיך געלוסטן אונטערשטעלן אים א פיסל".

פרוג, 3, 22. 692

געלופט - אדי. (רעג, קארפּאטארוס) בנב.

1968 " יידן פלעגן ארויפקומען אַהין |אויף דער פּאַשע

698 פון די שאָף און ציגן|, קויפן די מילך, מאַכן געלופטן

קעז". יזב 20, ז' רג.

**געלופטערט** – <u>פאר פון</u> <u>לופטערן</u>.

ג ע ל ו פ ע ט - פאר פון לופען.

ג ע ל ז ו כ ט - די, בא. א לעבער=קראנקייט, וואס
ברענגט מיט זיך דאס געל ווערן פון דער הויט.

1850 " צו געל זוכט, איין צו געבין (טשערנישקי) איך
וואס עס איז פאר איין טרינק איז עס איין הילף". 717
תעלה ארוכה, ז' |?|.

1914 " א רפואה צו געלזוכט |...| נעמען א טויב א זכר
צו א מאנסביל און א טויב א נקבה צו א פרוי און 712
זאל זי ארויפזעצן אויף דעם נאפל, וועט די טויב
אין זיך אריינשעפן דאס גאנצע געלקייט און זי וועט
פגרן". דער מלאך רפאל, ז' 37.

1974 " מיין זון איז געווען אין דייטשלאנד אויף ארבעט
און דארט קראנק געווארן אויף געלזוכט". יזב 376,17. 699

פפ: געל ווי איך דער געלזוכט |סטוטש 301|.

ם געל זוכט.

1676 " מן זול קיין קינד אויף דזא ערד בערשטן, דען עש
קאן בויז דר פון קומן זא לויז קריכן אויף דער ערדן 707
אונ׳ עש גינן לייט דרויבר זא גיווינן דיא געל זוכט".
ברנט שפיגל 3, פרק ב.

1798 "וועןמן נעמט די צונג פון איינם הונט, און הענגט
זי איינם אן דר די גלזוכט הוט צום שטונד, דר ווערט 701
זוא גלייך ווידר גיזונד". משל הקדמונים, ז׳ 11.

100 - געל -

געליכטיק - אדי. 1. |סטוטש 420|. געלזוכט.

קראַנק אויף געלזוכט.

1939 " די זון האָט קאַרג און ניט פֿריילעך אַרײַנגעקוקט

דורך דעם געליכטיקן |טעקסט: געלזוכטיקן| צעלולאָיד - 704

פֿענצטערל". ש. ברעגמאַן. 2. 5.

2. געל ווי אין געלזוכט.

געלט - דאס, =ער/=ן. 1. מעטאַלענע אָדער פּאַפּירענע
ווערטצייכנס ביי קויף=און פאַרקויף=געשעפטן.
% אויסבייטן געלט. פאַלש געלט. ניקלגעלט.

1832 " זייא זאנין פאר קויפט גיוואריין אן געלט אונ
769 זאנין אויך אויש גילייזט גיווארין אן געלט".
איבז, מחזור, 2, סז/א.

1907 " די לאָנדאָנער קאָמיטעטן גיבן נישט אזוי גיך קיין
קאנק געלט". שלום=עליכם, 8א, 288.

1949 " ער וועט זי אוועקנעמען פון דער קיך און
1023 אוועקשטעלן ביים בופעט, ביי דער קאַסע ציילן געלט".
י.י. זינגער, 9, 113.

1974 " כ׳דאַרף טרעפֿן מענטשן וואָס האָבן באַשטעלט ביי
1320 מיר די פּיעסע. כ׳מוז פֿאַרדינען געלט פֿאַר אונדז ביידן".
באַשעוויס, פּער 155, דזוו/25.

2. קאַפּיטאַל, פֿאַרמעגן, מיטלען.

1864 " דאָס גליק באַשטייט ניט אין געלט, נאָר אין
קאַנק עפּעס אַנדערש". מענדעלע, 12, 142.

1909(?) " מיט געלט וואָס קאָן מען (יי־)ינטיקע יאָרן נישט
1480 אויסטפּירן אויף דער וועלט?". שלום=עליכם, 7א, 116.

1936 " ווער עס איז געווען אַ קבצן, איז געבליבן אַ
1398 קבצן, און ווער עס האָט געהאַט די אַפּותיקי, האָט ווידער
געמאַכט געלט. י.י. זינגער, 6, 518.

1951 " די ייִדן האָבן מיט זייער געלט און מיט דער הילף
פֿון די אַמעריקאַנער און אַפֿריקאַנער ייִדן, ווי אויך 753
מיט זייער איניציאַטיוו און ענערגיע געשאַפֿן אַ גאַנץ
באַדייטנדיקע פֿאַבריקאַציע אין ליטע". פֿער 106, 131.

3. (שגל) גאָלד.

1959 " דער האַנדל האָט געהאַט זײַן אייגענע שפּראַך.
גאָלד האָט געהייסן - געלט, בריליאַנטן - שטיינער, 1377
גאָלדדאָלאַרן - האַרטע, פּאַפּיר-דאָלאַרן - ווייכע,
רוסישע גאָלדרובל - חזירלעך". בלומענטאַל, פֿער 90, XIX.

0 צונויפהעפטן מיט "געלט" ווי א באשטאנדטייל:

געלטאײנס - דער, =ן. נאמען פון געלטצייכן, אנגענומען
איין א געוויסער לאנד. % דער געלטאײנס פון ישראל
איז א שקל.

1944 " אונדזערע פילווישקער ייִדן האבן אין אייגענע ...
טערמינאלאגיע פון געלטאײנסן, כמעט אין "אייגענע
וואלוטע". פער 90, IV - 2, 51. 1685

געלט=אנווייזונג - די, =ען. |סטוטש 486| . אנווייז,
פאראָרדענונג צו א באנק אדער אן אנדער אינסטיטוציע
אויסצוצאלן עמעצן געלט.

<u>געלט=אריסטאקראט</u> - <u>דער, =ן.</u> פארשטייער פון דער
רייכסטער שיכט פון דער באפעלקערונג אין לאנד; פלוטאקראט.

1866 " ווער שמועסט, אז זיי |די אויפגעקומענע לופט=גבירים|
1703 ברענגען |...| דערצו, די גרויסע <u>געלט=אריסטאקראטן</u>
מאכן זיי א וויזיט". <u>פער 177, נ' 3, 36</u>.

<u>געלטבייטל</u> - <u>דאס, =עך</u>. א טאש אדער א טייסטער צו האלטן
געלט (אין קעשענע, בוזעם <u>א"א</u>)

1862 " מיכל דער קלוגער האט זיך תיכף געשטויסן, און
1725 טוט זיך א נעם צום <u>געלטבייטעלע</u>, ווי עס הענגט ביי
אים אויפן האלדז". <u>אקסענפעלד, 1, 20</u>.

1870 " אמייסטן וועט אבער דערבייי געווינען די קירכע
פֿאר וועלכער ביז אהער דער ליבעראל=יידישער און 1724
פּראטעסטאנטישער **געלטבייטל** געשלאסן איז".
פֿער 177, נ' 20, ז - 150.

**געלטבייטער** - דער, =ס. אן אויסטוישער פֿון מטבעות
און באנקנאטן פֿון פֿארשידענע מדינות; חלפֿן.

1936 " ארבעטער און פֿארמער האבן זיך פֿאראייניקט |...|
ארויסצוטרייבן די חלפֿנים, די **געלטבייטער** פֿון בית=
המקדש". פֿער 169, אקטאבער.

|| **געלט=בייטערײַ** - דאס, בא. 1. דאס בייטן געלט.
2. די באשעפֿטיקונג פֿון א געלטבייטער.

געלט=בײַטעניש - דאָס, =ן. דאָס בײַטן געלט.

1951 " דערצו איז ער געווען אַ ייִד אַ סוחר |...|

1726 מיט אַ גאַנצער קאַנטאָר פֿון געלט=בײַטעניש.".

פֿער 106, 1643.

געלטברייוו - דער, מצ דז. (עלט) אַ באַפֿולמעכטיקונג

צו באַקומען געלט.

1883 " פֿראָסטע ברייוו, זאַקאַזנאַיע און געלטברייוו.

1758 אויף פּאַקעטן מוזן נאָר אַדרעסירט ווערן אין דער

רעדאַקציע". פֿער 74, נ' 26, 404.

געלטברענער - דער, =ס. דער וואָס פֿאַרתּכלעוועט,

פֿאַרשווענדט געלט; אויסברענגער, פּזרן.

... " וויפל זיי זאָלן נישט רעכענען, וויפל זיי זאָלן

1769 וועלן זייַן אויסברענגערס, פּרעסערס, געלטברענערס

|...|, קומט אויס, אז ס'וועט נאָך אַלץ זייַן גענוג".

שלום=עליכם, 7א, 243.

געלטגעבער - דער, =ס. נדבן, פֿילאַנטראָפּ, בעל=צדקה.

1866 " טאַקע פֿאַר דעם ביקור=חולים האָט מען אים |...|

פֿריִער פֿאַר אַלע געלטגעבער צו דאַנקען". פער 177, נ' 41, 623.

געלטהאַנדל - דער, בא. 1. דאָס לייַען געלט אויף פּראָצענט.

1870 " אין מיטל=אַלטער |...| האָט מען גאַנץ רויִק צוגעזען,

1804 ווי ייִדן באַמעכטיקן זיך אין גאַנצן דעם געלטהאַנדל".

פער 177, נ' 20, I - 150.

2. האנדל מיט דעווי־זן, וואלוטע.

געלטהענדלער - דער, =ס. דער וואס פארנעמט זיך מיט געלטהאנדל.

געלטזאך - די, =ן. מאטעריעלער, פינאנסיעלער ענין.

1870 " איז גלאט א זינדע אפצולאזן א שידוך וועגן געלטזאכן |...|, דען שידוכים זיינען פון גאט". א/1832

דיק, 49 א.

געלטזאק - דער, ~ זעק. 1. א זאק צו טראנספארטירן געלט.

2. (פיג, פעיא) וועגן זייער א רייכן מענטשן.

1910 " מיר שטייען היינט פאַר דעם לעצטן קאַמף |...|

1832 פון דעם געלטזאַק מיט דער גלייכהייט". ווינטשעווסקי,

פער 125, אקטאבער, ז' 34.

1970 " ער מאַנט די עוולה פון די אומגליקלעכסטע היל

1834 הילפלאָזע ביי די 'שטאַרקע' און געלטזעק". יזב 659,15.

געלטזאַמלונג - די, =ען. אַקט פון קלייבן געלט פאַר

געזעלשאַפטלעכע צוועקן אָדער פאַר א געוויסן מענטשן.

1951 " אויף די גאַסן פלעגט פאַרקומען א געלטזאַמלונג

1828 פאַר דער באַפרייונג פון ווילנע". פער 106, 297.

געלטזאַמלער - דער, =ס. דער וואָס קלייבט געלט פאַר

געזעלשאַפטלעכע צוועקן אָדער באַדערפעניש פון א געוויסן

מענטשן.

1958 " פון דעם פאליטישן ביז דעם פראפעסיאנעלן געלטזאמלער,
המכונה פאנד=רעיזער, אלע ארבעטן זיי און באארבעטן 1830
דיך". א. צייטלין, פער 68, VIII/1.

געלטוועקסלער - דער, =ס. דזוו געלטבייטער.

1948 " דארט |אין די גריכישע קאלאניעס| האבן יידן גוט
געשמט אלס גוטע פארבער, געלטוועקסלער און מטבעות- 1815
סארטירער". פער 44, 6.

געלטוועקסלעריי - די, =ען. דזוו געלטבייטעריי.

געלטטאש - דער, =ן. א טייסטער, פארטפעל צו האלטן
געלט אין קעשענע.

1958 " מאַנטע=קאַרלאַ ציט צו |...| מענטשן מיט גאַנץ פּעטע געלטטאַשן". פֿער 68, X /4. 1855

געלטליַיט - מצ פֿון געלטמענטש.

געלטמאַנגל - דער, בא. אַ דוחק אין געלט; געלטנויט.

1903 " ס'איז ביַי איַיך, הייסט דאָס, אַ 'געלטמאַנגל' |...| פּונקט דאָס זעלבע חולאת וואָס ביַי מיר: 'ביַיטל-פּיבער' רופֿט מען דאָס בלשון הדאָקטאָריע". 1886
שלום=עליכם, 6א, 202.

געלטמאַס - די, =ן. |די ניַיע שול, ווילנע, 1920|.
דזוו געלטאַיינס.

**געלטמאַרק** – דער, ≈ מערק. די סיסטעם פֿון געלטהאַנדל אין דער פֿינאַנצוועלט; געלטבערזע.

**געלטמיטל** – דאָס, =ען. געלטרעסורס, סומע געלט.

1951 "איינציקע ייִדישע תּלמידים פֿון דער גימנאַזיע בײַם אוניווערסיטעט האָבן געמוזט איבעררײַסן די לימודים, ווײַל עס האָט זיי געפֿעלט געלטמיטלען". פֿער 714,106. 1891

**געלטמינצער** – דער, =ס. דער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט מינצן מטבעות, שלאָגן געלט, וואָס אַרבעט אין אַ מינצערײַ.

1951 "פֿאַלשע נביאים, פֿאַלשע היילער און פֿאַלשע געלטמינצער האָבן צו פֿאַרדאַנקען זייער דערפֿאָלג דער נאַיוויטעט |...|". פֿער 166,IV/27. 1894

געלט=מלונה |=מעלונע| - די, מלונות |מעלונעס| .
(גלש) בנב.

1919 " 'כשר' |...|: א געלט-מלונה!..., 'מזיק'
|...|: א פעטער ביסן!". בימקא, 1, 15. 1896

געלטמענטש - דער, לייט. 1. געלט=באַזיצער,
געלטהאָבער.

182... " ווערט ער גאר דאס יונגע צדיקל איין מאסף
נדבות בייא געלט לייט איך איין שטיקל מכניס אורחים 1873
פיך גוטע יודך". מאלאגא, 1, 235.

1886 " ביי אונדז איז דער כבוד וואָס מע גיט אָפּ דעם
געלטמענטש פיל העכער פון דעם וואָס מע גיט אָפּ דעם 1904
גרויסן למדן און דעם טיפן געלערנטן". פער 74, נ' 34, 524.

2. ווער ס'איז גיריק, תאווהדיק צו געלט.

1968 " ר' צמח אטלאס א **געלטמענטש**? ר' צמח אטלאס לאזט

קאנק אפּ א שידוך פֿון שרעק אז מען וועט אים ניט אפּצאלן

דעם נדן?". <u>גראדע, 6, 138</u>.

**<u>געלטמעקלער</u>** - <u>דער, =ס.</u> א פֿארמיטלער אין געלט=אפּעראציעס.

1939 " אזוי האט ער זיך ווי-ניט-ווי מיט די באזוכער,

קאנק קליענטן און <u>געלטמעקלער</u> גלייך אפּגעפּארטיקט |...|".

<u>נסתר, 4, 169</u>.

**<u>געלטנייזער</u>** - <u>דער, =ס.</u> (<u>עלט</u>) געלטצאפּער, געלטגייציקער.

1861 " אט דעם <u>געלטנייזער</u> האב איך פֿארטריבן, און

1920 רעכן דאס מיר פֿאר דער גרעסטער ~~מצוה~~". <u>אקסענפֿעלד,165,2</u>.

מיצווה

געלטצייכן - דער, =ס. 1. באַנקנאָט, אַסיגנאַציע.

2. (אין אַזאַרטשפּילן) שפּילמאַרקע, שפּילצייכן.

געלטפּאַרקער - דער, בא. געלטאומזאַץ, געלט-צירקולאַציע.

1885 " פֿון אַזעלכע צושטענדע קומט אַרויס, אַז ווען קיין

1950 געלטפּאַרקער איז נישטאַ, ווערט דאָס קערבל זייער טייער".

מער 74, נ' 38, 581.

געלטפּרעסער - דער, =ס. ווע געלטפּרעסערין.

דער וואָס איז זשעדנע, יאָגט זיך נאָך געלט.

1865 " זי איז געוועזן גאַנץ נידערטרעכטיק, גייציק און

1962 גרויסע געלטפּרעסערין". רוף, 1, 5.

1881 " צו וואָס טויג דאָס איינעם קריגן אַ שם פֿאַר
אַ זולל וסובֿא? פֿאַר אַ געלטפּרעסער?". שאַצקעס, 1,25. 1964

**געלטשטראָף** - די, =ן. אַ שטראָף וואָס ווערט אויסגעלייזט
מיט געלט; קנס. % ארויפֿלייגן אויף עמעצן אַ
געלטשטראָף.

1864 " דאָס ערשטע מאָל - אַ געלטשטראָף, אַזוי פֿיל וויפֿל
די סווידעטעלסטוואָ קאָסט". פֿער 177, ב׳ 27, 421. 2020

1951 " ווער ס׳וואַרפֿט שטיינער אויף אַ בית=מדרש,
דאַרף באַצאָלן אַ געלטשטראָף". פֿער 106, 54. 2014

**געלט-שידוך** |שידעך| - דער, ~ שידוכים. אַ שידוך
מיט אַן אויסרעכענונג צו באַקומען אַ סך געלט.

1864 " אַט דאָס איז דער פּסק פֿון דעם וואָס לאַקאַמעט זיך
2022 צו טאָן אַ **געלט=שידוך**". פּער 177, נ' 38, 596.

1896 " איך האָב |...| פֿרייער געוווּסט, אַז קיין גוטער
2023 סוף וועט דערפֿון נישט אַרויס, אַ **געלט=שידוך** האָט זיך
מיר פֿאַרגלוסט". שלום=עליכם, 7ג', 60.

**געלטשפּינער** - דער, =ס. |סטוטש 483|. צונעמעניש פֿון אַ גנב.

צונויפֿהעפֿטן מיט "געלט" ווי אַ הויפּטטייל:

**אַרענדע-געלט** - דאָס. סכום פֿאַר פּאַכטן אַ ווירטשאַפֿט
אויף אַ געוויסער צייט.

1927 " האָט קיין אַנדער ייִד ניט געטאָרט אויסדינגען

די דאָזיקע אַרענדע דורך אַ הוספה אויף דעם אַרענדע-געלט". 768

איבן, גאָלדשמידט, 1, 19.

ארץ=ישראל=געלט – דאָס. תּמיכה פֿאַר הייליקן לאַנד.

1861 " צוגעקומען און האָט מודיע געווען, אַז דער גנב

האָט |...| אַ בײַגאַרטל |מיט| ארץ=ישראל=געלט". 1705

אַקסענפֿעלד, 1, 139.

אתרוג=געלט – דאָס. אַן אָפּצאָל פֿאַר בענטשן איבער אַ

קהלישן אתרוג. 1706

באַנגעלט – דאָס. דער באַטרעף פֿאַר אַ באַנבילעט, הוצאות-הדרך

מיט דער אײַזנבאַן.

1887 " איך האָב ווי עס איז געקראָגן מויף באַנגעלט

און בין אַוועקגעפֿאָרן". זאַביעזענסקי, 1, 27. 1707

בולבעגעלט - דאָס. תּמיכה צו באַזאָרגן אָרעמע=לייט

מיט קאַרטאָפֿל.

ביקור=חולים=געלט - דאָס. געלט צו באַזאָרגן אָרעמע

חולאים מיט מעדיצינישער הילף.

1887 " דער זעלביקער איליאַן האָט פֿאַר אייניקע וואָכן

אַרײַנגעכאַפּט 9 פֿונט חבֿרה ביקור=חולים=געלט". 1734

פּער 74, נ' 28, 442.

בירגעלט - דאָס. צוגאָב=באַלוינונג פֿאַר אַ טרחה,

באַדינונג, אַ גאַנג, אַ שליחות.

1920 " די יי?נגלעך וואס ברענגען אפּ די ארבעט באקומען
'בירגעלט'". עלזעט, 2ג |?|, 25. 1743

בית=מדרש=געלט - דאס. דער צושטייער צו בויען א
מקום קודש אדער צו דער הכנסה פֿון א בית=תּפֿילה.

1885 " און אז עס מאכן זיך ניט א מאל אזעלכע טעג,
קויפֿט מען |דעם ביטערן טראפּן| פֿון בית=המדרש=געלט". 1747
פֿער 74, נ' 3, 36.

בעלפֿערגעלט - דאס. די שכירות וואס א מלמד און
עלטערן האבן געצאלט דעם בעלפֿער פֿאר צולערנען
מיט די קינדער.

1861 " |דער מלמד| האט אים |דעם בעלפֿער| געגעבן מדי 1751
זמן בזמן צוואנציק ווייסע גילדן, אחוץ בעלפֿערגעלט
פֿון איטלעכן קינד". אקסענפֿעלד, 1, 7.

**בשורה=געלט** – דאס. שכר פאר אנזאגן א גוטע נייעס.

1880 " ר' אלטערלעב! גיט מיר בשורה=געלט! איך האב
אייך געבראכט די מאמאניו !". קאלמוס, 2, 47.

**דירה=געלט** – דאס. שכר פאר א געדונגענער וווינונג.

1871 " ער וואר שוין ניט אמשטאנד צו צאלן דירה=געלט
פאר איינע בעסערע דירה". דיק, 52 א'. 1800

**וואכנגעלט** – דאס. שכירות, תמיכה אדער סתם צאלונגען
פאר יעדער וואך.

1922 " און די חברה הכנסת=כלה צאל יאך נישט קיין
וואכנגעלט?" מלאך, 1, 1261. 1811

**טרינקגעלט – דאָס. דזוו בירגעלט.**

1968 " די מענטשן האָבן געאַרבעט פֿאַרן בלויזן עסן און
געלעבט פֿון דעם וואָס זיי האָבן באַקומען טרינקגעלט 1861
פֿון די געסט". יזב 2, 304.

**לייענגעלט – דאָס.** אָפּצאָל פֿאַר ניצן אַ ביבליאָטעק און לייענען ביכער.

1951 " די ביבליאָטעק באַדינט מיטן בוך פֿיל לייענער
פֿון די אַרבעטנדיקע קרייזן, וועלכע האָבן אויך 1887
ניט די מיגלעכקייט צו באַצאָלן לייענגעלט".
פֿער 106, 1573.

**מעמד=געלט – דאָס.** נתינות פֿון חסידים פֿאַר זייערע
רביים.

1888 " עס איז געקומען צו אונדז דער משולח פֿון **מעמד=געלט** 1900
מיט איין אייגענעם פֿערד און ביידל". פֿער 75, 280. ~~1876~~

**פֿורגעלט** – דאָס. דאָס געצאָלט פֿאַר דעם בעל=עגלה.

1951 " דער גוי |...| האָט דערלאַנגט מיין פֿאָטער זיין
זילבערנעם זייגערל, פֿאַר פֿורגעלט. פֿער 106, 413. 1952

**צדקה=געלט** – דאָס. געלט וואָס גייט אויף העלפֿן
אָרעמע=לייט.

1870 " עס קען זייער זיין, אַז די בעלי=כּיבודים לייגן
זיך צונויף פֿון זייער קעשענע און מאַכן אַ קערמעשל, 1970
בייזע צונגען זיינען דאָך אומעטום דאָ, קען מען חושד
זיין, אַז דאָס איז פֿון צדקה=געלט". צעדערבוים, 1, 47.

**קבורה=געלט** - דאס. אן אפצאל פאר געבראכט ווערן צו
קבר=ישראל.

1882 |?| " עס איז אפילו שענדלעך אז שמשים זאלן זיך ניט
אנהייבן מתעסק זיין ארום א מת אום יי"ט |...| ביז 1982
מען זאל זיי פארויס קבורה=געלט אום יי"ט באצאלן".
פלאי, 2, 36.

**קליינגעלט** - דאס. קליינע מטבעות וואס מאכן מעגלעך
אויסצובייטן מטבעות פון א גרעסערן אויף א קלענערן
געלטווערט.

1903 " איך האב זיך פארגעסן, אז איך האב קיין קליינגעלט
ניט און בין אזוי ארויסגעגאנגען, איך וועל אייך 1985
שפעטער באצאלן". א. רייזען, 4, 31.

**רבי=געלט** – דאס. 1. שכר=לימוד וואס מע צאלט א מלמד.

1958 " איך האב זיך באמיט צו קומען פרי ראש=חודש
איך חדר אריין און ברענגען דער ערשטער דאס 1988
**רבי=געלט**". ח. זיידעס, פער 18, III/14.

2. (פיג) הויכער פרייז וואס מען צאלט פאר נסיונות, פאר דורכפאלן, אנווערן. %"אז מען באצאלט **רבי=געלט**, ווערט מען א פנים קליגער" (שלום=עליכם).

**שדכנות=געלט** – דאס. שכר דעם שדכן פאר אויספירן א שידוך.

1968 " מיין זיידע איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע
שדכנים, האט קיין מאל נישט גענומען קיין **שדכנות=געלט**, 2002
געהאלטן דאס צונויפפירן א זיווג פאר א גרויסער מצווה". יזב 2, 527.

שחיטה=געלט - דאס. שכר פאר שעכטן בהמות און עופות לויט דעם יידישן דין.

1870 " שחיטהגעלט |...| איז גלייך ווי פון א פראסטע הון און די |די גאלאגאנסקע| וועגט מערער". צעדערבוים,72,1. 2006

17 וועגן רייכקייט:

גראבע געלט, שווערע געלט, א קאסע מיט געלט - א סך געלט, גרויסע סומעס.

זעטיק מיט געלט; אזוי פיל געלט האט גאט אליין ניט.

אין גלייכן געלט - ניט טייער.

אננעמען פאר גוט געלט - גלייבן.

א כפרה דאס געלט - דאס געלט איז ניט וויכטיק, אבי זיין געזונט, אבי לעבן.

<u>בלוטיקע געלט</u> - געלט פֿאַרדינטע דורך שווערע האָרעוואַניעס, צרות.

<u>געלט=שמעלט</u> - (<u>ביטל</u>) וועגן געלט.

<u>גרינג געלט</u> - לײַכטער פֿאַרדינסט.

<u>וואַלוול געלט בײַ אים</u> - ער איז אַן אויסברענגער, ער פֿאַרתּכלעוועט געלט.

<u>ניט שטײַן אויף געלט</u> - האָבן פֿאַרגעניגן און זיך ניט רעכענען מיט הוצאות.

<u>ס'זאָל אויסגיין צו געלט</u> - <u>דזוו</u> <u>אַ כּפּרה דאָס געלט</u>.

<u>שלאָגן געלט</u> - מינצן, אויסקלאַפּן מטבעות.

פפ: האבן געלט ווי בלאטע, ווי האלץ, ווי מיסט –

ד"ה האבן א סך געלט.

האבן אזוי פיל געלט ווי א ייד חזירים – ד"ה האבן זייער

ווייניק געלט.

קיילעכדיק ווי געלט.

שוו: אויף דריי זאכן שטייט די וועלט: אויף געלט, אויף געלט

און אויף געלט |פער 90, XIII - 1, 26|

אז מע זייט געלט – וואקסן נאראנים – מען דארף ניט צעטר

צעטרענצלען געלט |פער 90, XXII - 2, 42|.

אז מען בארגט איינעם געלט, קויפט מען זיך א שונא

|סטוטש 491|.

אז מען האט קינדער, געזונט און געלט, קען מען זיך ניט
ווינטשן קיין שענערע וועלט |סטוטש 258|.

אז מען פארלירט געלט זוכט מען פרומקייט, אז מען געווינט
געלט פארלירט מען פרומקייט |סטוטש 613|.

אזוי גייט עס אויף דער וועלט: איינער האט דעם בייטל,
דער אנדערער דאס געלט |סטוטש 498|.

אן געלט איז קיין וועלט |קטוו|.

א סך געלט איז א סך קאפווייטיק |קטוו, 1405|.

ביי אן ארעמאן זאל מען קיין געלט ניט לייען |סטוטש 493|.

געלט איז בלאטע, אבער בלאטע איז קיין געלט ניט.

געלט איז בלאטע, אבער די בלאטע איז כדאי צו האבן פולע קעשענעס,
|סטוטש 497|.

געלט איז די בעסטע זייף - ס'נעמט ארויס דעם גרעסטן פלעק

|סטוטש 497|.

געלט איז ניט קיין שפענער |סטוטש 486|.

געלט איז קיילעכדיק, אמאל דא, א מאל דארט, ג

געלט ברעכט אייזן |סטוטש 437|.

געלט גייט צו געלט.

געלט האט א מיאוסן טאטן און איז דאך א יחסן |סטוטש 497|.

געלט האט ליב א חשבון |פער 90, XXIII - 2, 53|.

געלט פארענטפערט אלע קשיות |סטוטש 497|.

געלט צו פארדינען איז גרינגער ווי צו האלטן |סטוטש 506|.

די וועלט האלט זיך אויף געלט |פער 90, XXIII - 2 - 53|.

כבוד און געלט רעגירן די וועלט |סטוטש 497|.

כבוד גייט צו געלט |פער 90, XXIII - 2 - 53|.

מער געלט - מער חזיר |קטוו, 1404|.

נחת פון קינדער איז טייערער פון געלט |פער 90, II - 5|.

פאר געלט באקומט מען אלץ, נאר ניט טאטע=מאמע |נאר ניט שכל|.

פאר געלט האט מען די וועלט און יענע וועלט.

פארלארענע יארן איז ערגער ווי פארלארענע געלט |פער 90, II - 1|

קינדער און געלט איז א שיינע וועלט |סטוטש 258|.

ם **געלט.**

1.

1533 " וויש דש עז גויט ווער דש דו מיר העשט גישיקט
עפש בון דען געלט דש דיין מן האט אייך גינומען בין 1391
מיין חוב". פריוואטע בריוו.

1661 " איך האב ניט אן גיזעהן דש געלט און' האב עש
היפש בישטעלט, פאר די גנצי וועלט". יויספון, 2, ג 2.

2.

1686 " |...| אלזו מיט אלין זאכן, געלט צו מאכן,
עז ייאי מיט ברוט באכן |באקן|, אדער גענז צו 1281
שטאפפן". ספר משלים, ב - דד.

1706 " אודר נימט אם ראש חודש געלט איין, דא שפריכט ער
איך ווער דען גאנצן חודש געלט איין נעמן. 1438
בראנט שפיגל, 4, ז' |?|.

1743 " דא האבן דיא הגריים אך און געפאדרט איר פי
ביצאלונג, האט דער קיסר געגטפרט דא איז ניט געלט 885
גינוג |...|". שארית ישראל, כג - .

ג ע ל ט ג יי ץ  -  דער, בא. 1. דזוו געלטגייציקייט.

1900 " ווען עס קומט אַ גרויסער ווינט פֿון אַ געלטגייץ

1774 |...| דאַן ווערט פֿינצטער דער סאָוועסט".

אלפּס, 3, ז', זז'.

2. קאַרגער, רודף=ממון.

1775 1878 " ער וועט שוין ווערן איין גרויסער געלטגייץ".

דיק, 90 א'.

ג ע ל ט ג ײַ צ י ק - אַדי/אַדוו. זשעדנע אין געלט,
קאַרג.

1948 " אַזוי וויל די לעגענדע אויפֿקלערן די פֿרײַנדשאַפֿט
צווישן אַ <u>געלטגײַציקן</u> אַמביציעזן פֿירשט און דעם 1778
דערפֿאָלגרײַכן שתּדלן און מלך איבער פּוילן און ליטע
אויף איין טאָג - רב שאול וואַל". <u>פּער 44, נ' 2, 14</u>.

1963 " ער איז געווען אײַפֿערזיכטיק, קאַפּריזנע,
עגאָיסטיש, <u>געלטגײַציק</u> |...| און לײַכטזיניק". 1779
<u>פּער 155, VIII/18</u>.

|| <u>געלטגײַציקייט</u> - <u>די, בא</u>. די אייגנשאַפֿט פֿון זײַן
געלטגײַציק.

1951 " די געלטגײציקייט האַלט אאם אויף בײַם לעבן".

1784 ב. ריוועקין, 2, 265.

1973 " דער שמוגל איז געווען מעגלעך אַ דאַנק דער

1783 געלטגײציקייט פֿון דער דײַטשער שוץ=פּאָליציי בײַ די

געסטאַ=טויערן". פּער 139, נ' 685.

ג ע ל ט ג י ר י ק - אדי/אדוו. דזוו געלטגיציק.

1953 " די געלטגיריקע אפיצירן האבן ארויסגעקוועטשט

1796 פון די איינוווינערס גוואלדיקע סומעס געלט".

איבן מארק, 3, VII, ז' 192.

|| געלטגיריקייט - די, בא. דזוו געלטגיציקייט.

1865 " מיר האבן באשריבן די לאגע פון זייערע

1790 |קליינשטעטלדיק קהלס| קרבנות, וואס זיי זיינען מקריב צו

זייער געלטגיריקייט". פער 177, נ' 25, 381.

1970 " זיין געלטגיריקייט האט אים פארשאפט מער ביזיון

1789 ווי כבוד". באשעוויס, פער 155, XI / 13.

ם

## געלט גירג.

1743 " עטליכי שרייבן דיא אורזאך וואר אום דש ער

זער געלט גירג וואר". שארית ישראל, יו - 1788

ג ע ל ט ז ו כ ט - די, בא. (איר) געלט=גייציקייט.
(ווארטשפיל מיט "געלזוכט").

1960 " עס איז אוודאי ניט קיין איינגענעמע זאך פאר
1838 אינטעליגענטע פארמעגלעכע עלטערן ווי איר צו דארפן
ליידן פון א 'געלטזוכט'= קראנקייט אין אייער פאמיליע".
קלארמאן-קאלום, פער 69, 30/XI.

ג ע ל ט י ק - אדי. וואָס האָט אַ סך געלט.

1939 " מע דאַרף גלײַך צונעמען די האַנדלקראָמען - אָט
1866 באַ די סוחרימלעך אָט באַ די געלטיקע. פּער 10,42.

1967 " |...| איז ער צוגעגאַנגען און געפּרעגט, צי ױ װיל
1867 גײן פֿאַרברענגען, ער האָט מיט זיך אַ געלטיקן פֿרײַער".

קאַרפּינאָװיטש, 1.

ג ע ל ט ל אָ ז - אַדי/אַדוו. (דטשמ) אָן געלט.

1959 " די חבלי משיח זייַנען פֿאַרבונדן מיטן אידעאַל

1870 פֿון אַ געלטלאָזער וועלט". ריבקינד, 2, 2.

|| געלטלאָזיקייט - די, בא. מצב פֿון זייַן געלטלאָז.

1951 " אויך פֿאַר דעם מאַסנמענטש איז געטאָ וואַלט די

1871 געלטלאָזיקייט געווען אַ געפֿאַר". פֿער 106, ז' 1795.

ג ע ל ט ל ע ר - אדי. פֿאַרבונדן מיט געלט, פֿינאַנציעל.

1805 " |אפס| דש זאלשט דוא גלויבין דש דיין געלטליכש

1880 ציהראט ווערט זיך ניט לאנג בייא דיר |...| פֿר

בלייבין". בחינות עולם, 2, יח - 2.

1965 " |די נאַבעל=פּרעמיע| איז די גרעסטע געלטפּרעמיע

1881 פֿאַר ליטעראַטור. עטלעכע און פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר איז

אַ גאַנץ פֿיינע געלטלעכע אַנערקענונג". גלאַטשטיין,

פֿער 69, X/ 29.

1968 " |...| האָט ער געוואָלט האָבן אַ געלטלעכן חלק

1877 אין דעם בוך". פֿער 155, XI/ 17.

געלטניק — דער, =עס. (פּטמ) רײַכע[illegible] מענטש, גביר.

... "מען זאָגט אַז אַפּעלסינען זײַנען גוט פֿאַר אינפֿלוענצאַ. אַ ליגן! וווּנדערבאַר ווי די געלטניקעס מאַכן פֿון אַלץ פּראָפּיטן". ווינטשעווסקי, 1, 126. 1921

145 - געל

ג ע ל י אַ ל ק ע ט - אַדי. (שנש) וואָס זעט אויס ווי אַ ליאַלקע.

2037 1931 " דאָס גערליאַלקעטע פּישער=שטעטל |...|".

נאַדיר, 5, 187.

146 - געל

2039

